1 טאג
באדינונג אויב איר פארלאנגט.
אין אלע אייערע
דריי קליינינג
אדער פארבן
37 266, PERTH DYE WORKS LTD.
נ. ב. פארטנאי, סענערושער

טרינקט בעלס
דזשינדזשער איל ארענדזש
דריי
באשטעלט א קייס היינט
BELL BOTTLING CO. (באראריצקי ברידער) PHONE 51 591

זינדיק בלוט

א העכסט שפאנענדער ראמאן פון דעם אידישן לעבן אין אמעריקע

◆◆◆◆

פון א. ר.

(פארזעצונג)

בענדזשאמין האט איבערגעלייענט דעם בריוו און ער איז געבליבן זיצן א שוויי־גענדיקער. זיין פנים האט אויסגעדריקט פארצווייפלונג.

קיידי האט טרויעריק א פרעג געטאן:

— איז וואס דיינקסטו איצט צו טאן?

— איך וועל אהין פארן — האט בענדזשאמין אנטשלאסן געזאגט — איך וועל איר היינט שרייבן א בריוו און איך וועל איר לאזן וויסן, אז איך פאר אהין ארויס און זי זאל מיך דערווארטן ביי דער טריין.

— אלרייט. ווען ווילסטו פארן?

— איך רעכן צו פארן מארגן ביי טאג.

— איך דיינק אז ס'איז גלייכער איבערמארגן.

— פארוואס?

— ווייל דיין בריוו וועט זי באקומען מארגן, איז גלייכער אז זי זאל וויסן מיט א טאג פריער ווען דו קומסט כדי זי זאל זיך קאנען איינארדענען דיר צו טרעפן. ווארום ווי איך פארשטיי, דארף זי זיך דארט היטן פאר אימיצן...

— פארוואס פאלט עס דיר איין אזוי?

— איך זע עס דערפון וואס זי שרייבט נישט איר אייגענעם אדרעס. פון דעם וואס זי גיט אן איר אדרעס "דזשענעראל דעליווערי", און נישט אויף ריכטיקן אדרעס. דאס באווייזט, אז זי דארף זיך שטארק היטן.

— אבער פאר וועמען היט זי זיך? פארוואס היט זי זיך?

— וואס ווייס איך?

— איך גלויב אז דו ביזסט גערעכט...... איך וועל איר שרייבן אז איך פאר ארויס איבערמארגן.

אזוי איז עס געבליבן. בענדזשאמין איז אויפגעשטאנען פון זיין ארט און ער האט זיך אנגעטאן די הוט צו פארן אין אפיס אריין.

פארן הויז איז שוין דזשים געשטאנען מיט דער מאשין און ער האט געווארט פאר אים.

אין דרויסן איז געווען ליכטיק, פריש און פריי. ס'איז געווען איינער פון די ליכטיקסטע און זוניקע זומער טעג. דער הימל איז געהאנגען א בלויער א ריינער און א טיפער. נאר דארט פון ווייטן האט זיך אין דער לופט געשפרייט א נעפל פון רויך, וואס האט זיך געצויגן פון הויכע פאבריק קוימענס און איז זיך אויבן צוזאמענגעקומען, זיך צוזאמענגעגאסן.

די זון האט געבלענדעט די אויגן און א מילד פרימארגן ווינטל האט געגלעט איבערן פנים און האלז.

בענדזשאמין איז ארויסגעקומען און ער איז געבליבן שטיין. ער האט טיף אין זיך אריינגעזאפט די ריינע לופט, און מיט הנאה האט ער באוואונדערט דעם דרויסן. ער האט זיך ממש געקוויקט מיט אים. זינט ער איז ארויס פון פריזאן איז דאס פאקטיש געווען דער ערשטער טאג אין וועלכן ער האט פריי געאטעמט די פרישע לופט.

דזשים האט זיך פאר אים פארנייגט און ער האט אים באגריסט:

— גוד מארנינג, באס!

— גוד מארנינג, דזשים! — האט בענדזשאמין אים אפגעענטפערט און ער איז נאך אליין געבליבן שטיין אזוי און ער האט נישט געקאנט אפרייסן זיינע אויגן פון דעם בלויען הימל און דער ליכטיקער זון.

ער איז געשטאנען מיט אן אויסגעלויטערט פנים מיט ליכטיקע אויגן און ער האט עטוואס געעפנט די ליפן. ער האט געהאלטן די הוט אין דער האנט ווי ער וואלט אויך דורך די האר פון קאפ געאטעמט די לופט. ער איז נאך געווען אויסגעצערט. דאס פנים — איינגעפאלן, נאר א געזונטע פארב האט געוויטלט זיין געזיכט. און — ווידער סילוויא! זי איז אים ווי לעבעדיק געשטאנען פאר די אויגן. אט זעט ער זי ווי דאמאלסט ווען ער איז פארבייגעפארן דאס הויז, ער האט זיך אפגעשטעלט אין דרויסן מיט ביט־ריסן און ער האט זי פלוצלונג דערזען ביים פענסטער... מיט די זעלבע פארביינקטע און גרויסע אויגן קוקט זי איצט אויף אים! אירע ליפן ציטערן פאר אומגעדולד...

דזשים האט פאר אים געעפנט דאס טירל פון דער מאשין און ער האט געווארט אז ער, בענדזשאמין זאל אריינשטייגן. בענדזשאמין האט ענדלאך דערזען ווי דזשים שטייט ביי דער געעפנטער טירל און ער ווארט אויף אים. האט ער זיך עפעס מאדנע צעשמייכלט און ער איז אריין אין דער מאשין. דזשים האט צוגעקלאפט דאס טירל און ער האט זיך אליין גלייך געזעצט ביים רעדל.

— פארן?

— זיכער פאר!

דער מאטאר האט געגעבן א קרעכץ און מאשין איז אוועקגעפארן.

אפפארנדיק א פאר קווארטאלן, האט בענדזשאמין זיך צוגעבויגן נעענטער צום פראנט פון דער מאשין און ער האט א רוף געטאן:

— דזשים! א' דזשים!

די מאשין האט גענומען גיין גלאסער און דזשים האט אויסגעדרייט צו אים דעם קאפ:

— יעס סער, איך הער.

— פאר דורך דער זייטיקער גאס.

— אלרייט.

בענדזשאמין האט אים אנגערופן דעם נאמען פון דער גאס אויף וועלכער סילוויאס מוטער, מרס. שטיינבערג, האט געוואוינט.

— דו וועסט זיך אפשטעלן ביי דעם און דעם נומער.

— דארטן וואו עס וואוינט.... ווי הייסט זי...

— יא... דארט וועסטו זיך אפשטעלן

— אלרייט סער.

און די מאשין האט זיך ווידער אוועקגעגליטשט, נאך מיט מער אימפעט.

בענדזשאמין איז געזעסן גלייך אויסגעצויגן און שטייף. ער האט זיך איצט געפילט גרינג און גוט. ער איז איצט באלעבאס! נאר די אומגעדולד אין אים האט זיך געשטארקט פון מינוט צו מינוט. זאל ער נאר פארן שנעלער, נאך שנעלער, און באלד וועט א נייע זון אויפשיינען: ער וועט דערזעען סילוויאן. זיין טייערע און ליבע סילוויא! ווי אזוי וועט זי אים באגעגענען? ווי אזוי וועט זי אים אויפנעמען? אך! וואס פאר א גרויסע און ליכטיקע פרייד עס וועט אויפשטראלן אין אירע ליבע און ברוינע אויגן! וואס פאר א ליכטיקייט עס וועט באשיינען איר פנים, זי וועט באקומען עטוואס געעפנטע ליפן די ווייסע ציין וועלן ארויסבלישטשען ווי געפוצט זילבער.

זי וועט אויסרופן:

— וועמען איך זע! בען! בענוש!

אבער די מוטער וועט דאך זיין דערביי. וועט ער בלויז שמייכלען, האלטן איר ווארים קלאר הענטל אין זיינער און ער וועט שווייגן. אבער זי — סילוויא' זי וועט פילן ווי עס זינגט אין זיין הארצן. און אפשר? אפשר וועט די מוטער גראדע נישט זיין? א! ווען די מוטער וואלט נים געווען! זי וואלט זיכער געפאלן אין זיינע ארעמס מיט א ווילדן אויסגעשריי... זיינע הענט וואלטן זי איינגענומען ארומגענומען...

— מיין גאלדענע! מיין טייערע!

— בען... בענוש... טייערער!

דערווייל האט זיך די מאשין אפגעשטעלט. בענדזשאמין האט א פרעג געטאן:

— דאס איז עס שוין, דזשים?

— יעס סער.... דאס איז עס.

בענדזשאמין האט דערפילט, אז דאס הארץ איז אים ווי אויסגעפוילט געווארן. ער האט זיך עפעס דערשראקן און ער האט נישט פארשטאנען וואס עס שרעקט אים. שרעקט אים דאס גליק, וואס ער וועט באלד באגעגענען? אדער שרעקט ער זיך אז אפשר וועט אים סילוויא באגעגענען ווי מען באגעגנט א פרעמדן? ניין, ווי קאן דאס זיין? זעט ער דען נים ווי אירע אויגן קוקן מיט נעבעט צו אים? פילט ער דען נישט ווי זי ווארט אויף אים מיט די הארץ קלאפעניש?

ער איז ארויס פון דער מאשין. ער האט אפגעהוסט און מיט געלאסענע טריט איז ער צוגעגאנגען צו הויז. ער האט באקוקט דעם נומער — יא. דאס איז עס.... ער איז ארויף אויפן אפענעם פארטש. נאר מאדנע ווי שטיל דא איז. עפעס אזוי שטיל ווי אין דער הייזקע וואלט קיינער נישט געווען: קיין סימן פון לעבן דערטראגט זיך נישט פון אינוויינייק.

ער האט אנגעקלונגען. איין מאל' א צווייטן מאל, און א שרעק איז אויסגעוואקסן אין זיין הארצן. ס'איז שטיל, מען הערט נישט אז קיין טריט זאלן זיך צו דער טיר דערנענטערן. קיין קול, וואס זאל עפעס פרעגן. קיינער עפנט נים די טיר.

— וואס זאל דאס באדייטן? אפשר איז עס נישט דא? ניין. סאיז דאך פארט דא... אט איז דאך דער נומער. איז וואס זשע?

ער האט ווידער אנגעקלונגען. ער האט ווידער געווארט און — ס'איז אומזיסט. קיינער באווייזט זיך נישט. די טיר בלייבט פארמאכט.

דער קאפ האט זיך אים פארדרייט: וואס זאל עס הייסן? ער האט דערפילט אז זיין לייב ציטערט אים. ער האט געהאט דאס געפיל, אז א גרויס אומגליק איז געשען. אז ער האט סילוויאן פארלוירן, אז זיין גליק איז אונטערגעגאנגען...

באלד אבער איז אים איינגעפאלן: און אפשר קלינגט נים דאס גלעקל? כאטש ער האט איין געהערט ווי דאס גלעקל קלינגט ערגעץ ווייט און טויב. דאך האט ער זיך געוואלט איינשמועסן, אז עס האט זיך אים נאר געדאכט. איז וואס זשע זאל ער טאן?

ער האט גענומען קלאפן מיט דער האנט אין טיר... ער האט געקלאפט מיט אימפעט און גאנץ שטארק אבער — אומזיסט! קיינער עפנט נישט.

וואס זשע טוט מען איצט? ער מוז דאך זעען סילוויאן! וואו זשע איז זי? וואו איז זי אהינגעקומען? עס קאן דאך נים זיין אז באלד אין דער פרי זאל אי זי, אי איר מוטער האבן ערגעץ אוועקגענאנגען? עפעס מוז דאך דא זיין?! וואס זשע האט דא געקאנט פאסירן? וואס זשע זאל דאס באדייטן?

דערווייל האט זיך געעפנט די טיר פון דער שכנה'שער הייזקע און ס'איז ארויסגעקומען א פרוי. זי האט א ווילע געקוקט אויף בענדזשאמינען און זי האט זיך אפגערופן:

— וועמען דארפט איר יונגערמאן?

— די מרס. שטיינבעק דארף איך,— האט בענדזשאמין געזאגט. זי וואוינט נאך דא?

— יא... אבער דא איז איצט קיינער נישטא.

— וואו זיינען זיי?

— ווער ווייסט? איך ווייס נאר אז זיי זיינען נשטא אין דער היים.

— שוין לאנג?

— שוין א פאר וואכן... זיי האבן צוגעמאכט דאס הויז און זיי זיינען אוועקגעפארן.

— אבער זי וואוינט נאך אלץ דא מרס. שטיינבעק?

— שור... געוואוינט ביז אהער... מיט דער טאכטער געוואוינט...... אבער זיי זיינען ערגעץ אוועקגעפארן... עס דאכט זיך מיר אז זיי זיינען ארויסגעפארן צום ים אדער אפשר גאר אין די בערג.... אויף פלעזשור זיינען זיי געפארן...

— אזוי... אוועקגעפארן?

בענדזשאמין האט געפילט ווי עפעס האט זי דאין הארצן אויסגעלאשן, וואס זשע הייסט עס? זי האט פשוט גענומען און געפארן אויף פלעזשור אין דער צייט ווו ער איז געווען פארשפארט אין פריזאן? הייסט עס: זי וויל אים מער נים זעען און נים קענען? הייסט עס: זי האט אים געלאזט זיצן און אליין איז זי אוועק צוזאמען מיט איר מוטער? וואס הייסט עס?

(ווייטערס קומט)

עלטערן זיינען צופרידן ווען דאס קינד שלאפט גוט

אט איז א מיטל צו לאשטשען וויינענדיקע, אויפוועקנדע בייבים צו איינשלעפערן שנעל און לייכט. עס איז דער מיטל וואס דאקטוירים איינדארסירן, און מיליאנען מוטערס האבן זיך איבערצייגט אז עס איז זיכער און נים שעדלאך. עטלאכע טראפנס פון ריינער גרינציינג, אנגענעם בא'טעמטע פלעטשערס קאסטאריא, שלעפערט איין דאס סאמע שרעקעדיקע, אומרואיקע בייבי אדער קינד אין עטלאכע מינוט! און פאר בויך־ווייטיק, פארשטאפונג, פארקילונגען און א. וו., איז קיין מיטעל נים אזוי גוט ווי קאסטאריא. די טשאס. ה. פלעטשער אונטערשריפט איז דער צייכן פון ריכטיקער קאסטאריא. היט זיך פון נאכגעמאכטע און זייט באשיצט.

אידישע גראסערס אין וויניפעג געזעצלאך אינקארפארירט



ה. פענסאן, פרעזידענט

דעם 26טן מארט האט די מאניטאבער לעגיסלאטור געזעצלאך אנערקענט די ריטייל גראסערס ארגאניזאציע אונטער דעם נאמען "אסאשיאייטעד ריטייל גראסערס אוו וויניפעג". זייער א שווערן קאמף האט די ארגאניזאציע דורכגעמאכט איידער דער נאמע זאיז דערלויבט געווארען. נאכדעם ווי געוויסע ביזנעס ארגאניזאציעס האבן אנגעפירט א שווערן קאמף אז אזא פריווילעגיע זאל דער אידישער גראסערס ארגאניזאציע נים געגעבן ווערן.

א דאנק דער אומדערמידלאכער ארבעט פון דעם סאליסיטאר פון דער גראסערס ארגאניזאציע, מר. מ. אווערבאך, איז געלונגען דורכמאכן אלע שוועריקייטן און די ארבעט איז דערפאלגרייך אנערקענט געווארן.

די גראסערס אסאסיאיישאן, לויט איר טשארטער, קאן שליסן קאנטראקטן און קאן ארגאניזירן זיך אין א קויף און פארקויף קאמפאני, אזוי ווי אירגענט וועלכע ס'איז מאניטאבער קארפארײשאן.

דעם 29טן אפריל איז פארגעקומען א גענעראל פארזאמלונג פון די מיטגלידער פון דער אסאסיאיישאן.

די פארזאמלונג איז געווען גוט באזוכט און מען האט זיך צוגעהערט צו די באריכטן פון פרעזידענט מר. ה. פענסאן, ווייס־פרעזידענט, מר. י. שולמאן און אויך צום טרעזשורערס באריכט, מר. א. ווערטליב.

דער פרעזידענט האט באריכטעט וועגן די גרויסע שוועריקייטן צו ארגאניזירן די געשעפטסלייט אין א ביזנעס ארגאניזאציע, ווי שווער עס איז אנגעקומען די מיטגלידער פון דער עקזעקוטיווע אנצופירן מיט דער ארבעט און וועגן דעם דערפאלג וואס איז געמאכט ביז איצט. די צאל מיטגלידער דערגרייכט ארום די 200 און פון די גרופע מיטגלידער האט זיך ארגאניזירט א גרופע שערהאלדערס וועלכע איינוועסטירן געלט אום צו שאפן א קאפיטאל צו קויפן סחורות ביליגער און פארקויפן דאס זעלבע צו די שערהאלדערס מיטגלידער. עס איז אויך באריכטעט געווארן וועגן א צאל קאנטראקטן, וועלכע זיינען געמאכט געווארן מיט פארשיידענע פירמעס אום צו פארגרינגערן דאס לעבן פון דעם ריטייל סטארקיפער.

דער לאיער פון דער ארגאניזאציע, מר. מ. אווערבאך, האט באריכטעט וועגן די לעגאלע אספעקטן פון דער אסאסיאיישאן. ער האט אויך אנגעוויזן אויף פלענער, וועלכע קאנען פירן צו דער ארגאניזירונג פון א מעכטיקער ריטייל גראסער קארפארײשאן — וועלכע וועט קאנען אויסשטיין די קאנקורענץ פון די פארשיידענע טשיין סטארס און אנדערע דעפארטמענטאל סטארס.

א צאל נייע שערהאלדערס האבן צוגעטראגן מזומנים און האבן געקויפט שערס און נאך דעם זיינען פארגעקומען וואלן. די פאלגנדע זיינען דערוויילט געווארן אלס באאמטע: מר. ה. פענסאן, פרעזידענט; מר. י. שולמאן, וויצע־פרעזידענט; מר. א. ווערטליב, קאסירער; פאלגנדע זיינען דערוויילט געווארן אלס דירעקטארן פון דער אסאסיאיישאן: מר. ס. מעלאוו, ה. קאפעלאוו, ב. גרינבערג, ב. הינדין, ל. קאופמאן, ה. בארטפעלד, מ. קאהען, א. דאנין, ל. גארשטיין, ד. וואטעלמייקער, ד. אייזענבערג, ה. וויינשטיין, דזש. מעקליין, א. סוכאראוו, א. יאנאווסקי.

מיט גרויס האפענונג צו ווערן א שטארקע געשעפטס ארגאניזאציע, וועלכע וועט מוזן פירן צו דער פארבעסערונג פון דעם לעבן פון די ריטייל גראסערס אין וויניפעג, — איז די פארזאמלונג געשלאסן געווארן.

י. דאנין, סעק.

דזשועל שארטענינג



וועט אייך העלפן צו מאכן בעסערן ברויט, און בעסערע פייסטרי אויך —

דזשועל שארטענינג

קאכט ניט ברענענדיק און איז טעמ'לאז און גערוכלאז — פרובירט א קארטאן היינט פון אייער גראסער אדער בוטשער.

עס איז

"ניט פליישיג - ניט מילכיג"

Jewel Shortening Purely Vegetable — דזשועל־כשר

יעדער פעקל פון דעם כשר דזשועל שארטענינג האט דעם הכשר פון רבי י. י. כהנאוויטש, הויפט רב פאר מערב קאנאדע, און זיין אייגענער האנטשריפט וואס גיט אייך די פארזיכערונג אז עס איז כשר.

Swift Canadian Co.
Limited

Dodd's Kidney Pills for all kidney diseases — Backache, Bladder Troubles, Rheumatism

פאר איבער דריי פערטל יאר הונדערט זיינען דאד'ס קידני פילס געווען דער אנערקענטער מיטל פאר רוקנווייטיק, רומאטיזם, בלאטער טראבלס און פילע אנדערע קראנקהייטן, פאראורזאכט דורך שלעכטע קידניס. צו באקומען פון אלע דיילערס פאר 50 סענט, אדער 6 באקסעס פאר $2.50. אדער דירעקט פון די דאד'ס מעדיצין קא., לימיטעד, טאראנטא 2. ביים דערהאלטן די סומע.

קויפט

קארן פלייקס לויט'ן נאמען. נאכגעמאכטע קענען זיך קיינמאל נים פארגלייכען אין טעם און קרוכלעקייט צו אמת'ע קעללאגג'ס. באקוועם! עקאנאמיש! מחיה'דיג מיט יעדן מאלצייט! אימער אויוועו־פריש! אונטערצושטרייכען קעללאגג'ס מיינט צו קויפען מיט

אויסערכענונג

קעללאגג'ס קארן פלייקס זיינען אבסאלוט כשר אונטער דער השגחה פון אגודת הרבנים פון טאראנטא.

Kellogg's
CORN
FLAKES

* זוכט דעם רויטען־און־גרינעם פעקעדזש.
געמאכט פון קעללאגג אין לאנדאן, אנט.

ענדיקט ווייטיקן, געשוויר און בלוטונג
פון פיילס
(מערידן)
מיט זעם־באק געוויקס אינטמענט
Ointment 50c Medicinal Soap 25c

MACDONALD'S
10¢
CIGARETTES
ווירדזשיניע
בלענדער

אייער דאים וועט אייך קויפען 10 ריכטיגע סיגארעטס, אויב איר וועט פארלאנגען מעקדאנעלד'ס נייווי קאט פאר'ן ווירדזשיניע רויכערער — אדער מעקדאנעלד'ס ברונעט פאר רויכערערפון בלענדער.

היימאן און העסטרין
באַריסטערס, סאליסיטארס און א. וו.
216 — מעקאינטייר בלאק — 216
טעלעפאן 21 627
מר. העסטרינס וואוינונג:
306 סט. דזשאנס עווע., טעל. 53 133

שינביין, מאראזניק און ראבלין
Shinbane, Morosnick & Roblin
Barristers, Solicitors and Notaries
באריסטערס, סאליסיטארס, נאטאריוס
Office: 207-8 Confederation Life Bldg.
457 Main St. Opposite City Hall
טעלעפאן 21 345—6

טשערניאק, קאפשטיין און ספיוואק
Barristers, Solicitors, Etc.
460 מיין סטרים
טעלעפאן 24 591 און 24 666

א. ע. קאנטאר
אדוואקאט און נאטארי
A. E. CANTOR
211 קוירי בילדינג, 233 פארטעדזש עווע.
טעל. 89 225—29 937
רעזידענס:
103 בענערמאן עווע., טעל. 51 353

ה. שולמאן
אדוואקאט און נאטארי
געלט צו לייען אויף 6½ פראצענט
Schulman & Nitikman
213 קאנפעדערײשאן לייף בילדינג
457 מיין סטריט, אנטקעגן סיטי האל
טעלעפאן 88 462

ש. מילער
באריסטער, סאליסיטאר א. א. וו.
S. MILLER, B.A., LLB.
505 Paris Bldg., Portage and Garry
Phone 22 203
מר. מילערס וואוינונג: 152 באראום עוו.
טעלעפאן 51 652

דזש. ה. פאטעסקי
אדוואקאט און נאטארי און א. וו.
J. H. POTASKY, LL.B.
905 קאנפעדערײשאן לייף בילדינג
457 מיין סטריט, אנטקעגן סיטי האל
טעלעפאן 24 107
רעז. 529 אבערדין עווניו, טעל. 55 778

מ. אווערבאך
באריסטער, סאליסיטאר, נאטארי א.א.וו.
824—8 ראיאל בענק בלדג.
טעלעפאן 86 200
רעז. 435 אבערדין עווניו, טעל. 53 354

ד. לעווין
באריסטער, סאליסיטאר און א. וו.
D. LEVIN
504 מעקאינטייר בלאק
טעלעפאן 26 471 רעז. 53 589

Doctors' Directory ראקטוירים

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. ס. דזש. בערמאק, 834 מיין סטריט אפיס שטונדן פון 2—4 און 7—8 DR. J. C. BERMACK	51 250	53 578
דר. דזש. ברענער, 402 סעלקירק עווענױ אפיס שטונדן: 3—5, 7.30—8.30 DR. J. BRENER	54 107	54 107
דר. א. גוטמאן, 714 טאראנטא דזשענ. טראסט בלדג. 283 פארטעדזש עווע., קאר. סמיט אפיס שטונדן: 10—12, 2—6 און ביי אפאינטמענטס DR. A. GUTTMAN	53 422	26 947
דר. ס. דזשאוויש, 404 באיד בילדינג שטונדן: 11—12 און 3—6 און ביי אפאינטמענטס DR. SIMON JAUVOISH	54 429	22 717
דר. וו. הערשפילד, 576 מיין סט. קאר. אלעקסאנדער עוו. אפיס שטונדן: 11—1, 2—5 און 7—9 DR. H. HERSHFIELD	28 153	26 600
דר. ב. א. וויקטאר, קאר. סעלקירק און סאלטער (איבער דער באנק) אפיס שטונדן: 3—5 און 7—8 DR. B. A. VICTOR	51 772	52 744
דר. י. פערלמאן, 291 באראוס עווע., קאר. טשארלס אפיס שטונדן: 3—5 און 7—8 DR. I. PEARLMAN	53 181	53 181
דר. ס. קאברינסקי, סוויט 2 קראמפ בלאק (מיין און דאפערין עווענױ) אפיס שטונדן: 3—5 און 6.30—8 DR. S. KOBRINSKY	51 968	54 866
דר. מעקס ריידי, (עקס רעי) 283 פארטעדזש, קאר. סמיט (100 טאראנטא דזשענ. טראסט בלדג.) לעבן איטאנס שטונדן: פון 2—6 אוונט און ביי אפאינטמענטס DR. MAX RADY	49 763	24 480
דר. סעם ראדין, ראיאל בענק בילדינג (מיין און סעלקירק) אפיס שטונדן:: 3—4 און 6—8 DR. SAM RODIN	52 614	53 915
דר. א. ל. שובין, אפיס שטונדן 11—12 און 2—6 אפיס: בענק אף קאמערס בלדג., מיין און אלעקסאנדער רעזידענס: 375 מאקריי עווע. DR. A. L. SHUBIN	59 473	88 916
אויגן, אויערן, נאז און האלז		
דר. י. ה. בעקמאן, 613 באיד בילדינג DR. J. H. BECKMAN	51 848	29 110
דר. ד. מ. דזשענאף, 830-2 סאמערסעט בלאק DR. D. M. GENOFF	51 359	24 465
קינדער קראנקהייטן		
דר. ה. מעדאווי, 904 באיד בלדג. 3—5: 332 מאניטאבא עוו. 11—12 DR. H. MEDOVY	53 320	88 013
דר, דזשא. ה. שאפירא, 604 באיד בילדינג שטונדן: 3—5 און ביי אפאינטמענטס DR. GEO. H. SHAPERA	51 801	22 446

Dentists Directory דענטיסטען

IN ALPHABETICAL ORDER

	Residence	Office
דר. י. בן עזרא, ב.א. 962½ מיין סטריט, קאר. סעלקירק. DR. I. BEN EZRA, B.A.	41 652	51 560
דר. מ. א. ברעגמאן, סוויט 1 סט. דזשאנס בלק. 984 מיין סט. DR. M. A. BREGMAN		53 720
דר. ס. טשוירטשיל, סוויט 1, טריק בלאק. 972 מיין סט. DR. S. H. CHURCHILL		56 056